STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05382

GEZAMELTE LIEDER

Samuel Rosen

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Sheldon & Joan Gross
in memory of
Dr. Seymour S. Kety, our loving brother-in-law

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



געזאַמעלטע לידער

פון

שמואל ראָזען

●

COLLECTION OF POEMS

By

SAMUEL ROSEN

Copyright, 1940, by Samuel Rosen

Printed by GINSBERG LINOTYPING CO., 63 SUFFOLK STREET, NEW YORK, N. Y.

ג ע ו ו י ד מ ע ט

מיין פרוי, קינדער און משפחה

אַן ערקלערונג

צו מיינע פּערזענליכע פריינד וועלכע האָבען מיר צו־גערעדט אַרויסצוגעבען מיינע ליעדער אין בוך פאָרם וויל איך מאַכען פאָלגענדע באַמערקונג:

איך ערוואַרט ניט קיין קאָמפּלימענטען און אויך ניט קיין לויב געזאַנגען פאַר דער אויסגאַבע פון מיינע ליעדער, וואָס איך בעטראַכט ניט אַלס ליטעראַרישע פּערל. די ליע־דער דריקען אויס מיינע אייגענע שטימונגען און סענטימענ־טען וועלכע מיינע פריינד וועלען האָפענטליך פאַרשטעהן, און וועלען זיך באַנעמען צו מיינע שאַפונגען ווי פּערזענליכע פריינד דאַרפען זיך באַנעמען — מיט סימפּאַטיע און פריינד־ליכקייט. איך גיב ניט אַרויס מיינע ליעדער פאַר די ברייטע מאַסען לעזער און אויך ניט פאַר קיינע מאַטיריעלע צוועקען. עס איז אַ פּריוואַטע זאַך פון אַ פריינד צו פריינד.

שמואל ראָזען

אינהאַלט

נאָר דיך אַליין 7
פאַרדריסען וועט דיך, וועסט בענקען? 7
מיין ליעבסטע פון אמאָל 8
דו פעהלסט מיר 9
נאָר דיך 10
דאָס קאָנסט נאָר דו אַליין... 11
פאַרגעס מיך 12
דער פריהלינג איז דאָ! 13
פריהלינג 14
פריהלינגס שטימונג 15
דער גרוס 16
איך ליעב דעם רעגען 17
אַליין ביים ים 18
א הערבסט מאָטיוו 19
דער נאַקעטער בוים 20
הערבסט מאָטיוו 20
דו וועסט פאַרגעסען מיך 21
ווינטער מאָטיוועו 23
אָט וועט באַלד דער ווינטער קומען 24
עס איז געווען 24
אין א קאַלטען טאָג 25
וואָס וועט זיין? 26
ווער האָט געזעהן? 27
איך קען ניט פרעהליך זיין 29
אַלע שווייגען 29
צו מיין מוטער 31
הערסט, מיין קינד! 31
א ליעד 32
וואו לויפסטו, צייט? 33
נאָך מיין טויט 34
א חלום 35
דער פרעמדער 36

ערגיץ ווייט ... 37
פארגעסענע קלאנגען ... 38
גיסט זיך, טרעהרען מיינע! ... 39
דער מארגען שטערען ... 39
ווי קאן איך דען זינגען? ... 40
פונוואנען? וואוהין? ... 41
אנטוישונג ... 42
א שטערענדעל א גאלדענער ... 43
ביינאכט אליין ... 44
א פייגעלע ... 45
וועלט־פרעמד ... 46
טראגט זיך, ווינטעלאך! ... 47
איך קאן דיך ניט בארוהיגען ... 49
איך זוך דיך ... 50
וואס איז דער אונטערשיד? ... 51
א שטערענדעל לייכט זיך ... 52
דער רעגען ... 53
אין פעלד ... 53
וואס זוכט מיין הארץ? ... 54
איך ווייס ניט ... 55
אונטער א פאלמען בוים ... 56
צו דער מאמען ... 57
ווער ווייס וואו ער געהט? ... 58
שלאף מיין ליעבסטע ... 60

נאַר דיך אַליין

איך ליעב די זון די גאָלדענע,
די שטערען און די נאַכט,
דעם נאַכטיגאַל, דעם הימעל בלוי,
דעם וואַלד, דעם טייך וואָס לאַכט.

איך ליעב דעם וועג, וואָס פיהרט אין פעלד,
וואו אַלץ איז רוהיג שטיל,
די סודות פון די הויכע בערג,
דעם דרום־ווינטעל קיהל.

איך ליעב די בלומען און די ביהן,
דעם שמעטערלינג, דאָס גראָז,
די שווארצע וואָלקענס אין דער הויך,
דעם שרעקענדיגען האָז.

נאַר מעהר פון אַלעס, ליעב איך דיך,
דיין שמייכעל און דיין חן,
דו וואַרעמסט מיך, דו צערטעלסט מיך,
איך ליעב נאַר דיך אַליין.

פאַרדריסען וועט דיך, וועסט בענקען?

זאָג, וועט דיך פאַרדריסען, אַז איך וועל אוועק?
אַז איך וועל ניט זיין דאָ, וועסטו דען בענקען?
דערמאָהנען וועסטו מיך, און געבען אַ זיפץ,
זאָג, וועסטו אַמאָל פון מיר דענקען?

און אפשר געשפּאַסט האָסטו בלויז פון מיר,
געווען אַ געלעכטער און ניט מעהר,
געשפּיעלט זיך, געשטיפט צו פאַרטרייבען די צייט,
און פאַרגעסען, וועט דיר זיין ניט שווער.

איך, אָבער, דיין בילד וועל געדענקען,
איך וועל ניט פאַרגעסען אָן דיר!
דיינע שוואַרצע און ברענענדע אויגען,
ווי זיי קוקען און שמייכלען צו מיר.

איך וועל ניט פאַרגעסען דיך, ליעבסטע,
וועסט טועף אין מיין האַרץ זיין פאַרזיגעלט,
עס קען זיין אַז דו האָסט געשפּאַסט בלויז,
אָבער דיין געשטאַלט האָט מיין נשמה פאַרריגעלט.

מיין ליעבסטע פון אַמאָל

ווי אַ דרום-ווינט אַ שטילער,
אין אַ וואַרעם זומער-נאַכט,
צערטעל איך דיין פרישען פּנים
אַזוי אומעטיג פאַרטראַכט.

אַ צאַרטע בלום אין טהאָל דעם גרינעם
געדענק איך דיך, פון טויזענד יאָהר,
באַשיידען שטיל ביזטו געוואַקסען
ניט ווייט פון טייך, ווי זילבער קלאָר.

און יעדען אָווענט פלעג איך קומען
פאַרשלעפּערען דיך מיט מיין ליעד,
מיט מאָרגען־טהוי דיין קאָפּ געוואַשען,
ווי שעהן דו האָסט געבליהט!

אָה, לאַנג צוריק איז דאָס געוועזען
ניטאָ שוין מעהר דער גרינער טהאָל,
פאַרטריקענט זיינען דיינע בלעטער,
מיין ליעבסטע, פון אמאָהל . . .

דו פעהלסט מיר

.1
ניין, איך קען אָהן דיר ניט זיין!
ענג איז מיר די וועלט,
ס'איז ניט ליעב דאָס לעבען מיר,
דיין צאַרטער בליק מיר פעהלט.

.2
וואו ביזטו איצט? שיק מיר אַ וואָרט.
גלעט וועמען איצט דיין האַנט?
פאַר וועמען זינגסטו איצט אַ ליעד?
וואו איז דיין היים, דיין לאַנד?

.3
איז דאָרט אַ הימעל זילבער בלאָה?
און ציהט זיך וויט אַ וועג?
שפּאַצירסטו דאָרט אין גרינעם וואַלד,
איז דאָרט אַ ים, אַ ברעג?

4.

איך קום אין וואַלד, דו ביזט ניטאָ.
איך געה אין ברייטען פעלד
איך קוק זיך אום, איך זוך אַרום;
אָה, זאָג וואָס דיך פאַרשטעלט?

5.

דו ביסט אַוועק, וועסט מעהר ניט זיין.
די נאַכט האָט דיך פאַרשטעלט.
דו רוהסט און טראַכסט ניט וועגען מיר.
בענטש גאָט דיין רוה-געצעהלט!

נאָר דיך

וואו איך געה און וואו איך שטעה,
זעה איך בלויז נאָר דיך,
אויב איך טראַכט, און וויל נאָך וואָס,
וויל איך בלויז נאָר דיך.

ווען מיין האַרץ בענקט און רופט,
רופט עס בלויז נאָר דיך.
אויב איך וואַרט צו טרעפען וואָס
וויל איך טרעפען דיך.

ווען די שטערען איך בעטראַכט,
וויל איך זעהן דאָרט דיך.
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט,
וויל איך בלויז נאָר דיך.

אין מיין האַרצען ערגעץ טיעף,
זעה איך רוהען דיך,
דו, אָבער, צושטערסט מיין רוה,
און פאַרמאַטערסט מיך.

דאָס קאָנסט נאָר דו אַליין...

איך זעה ניט מעהר דיין פּנים,
איך הער ניט מעהר דיין קול,
איך זעה ניט מעהר דיין שמייכעל,
דעם שמייכעל פון אַמאָל.

ווי אומעטיג עס ווערט מיר,
ווי שווער עס דריקט מיין האַרץ,
ווען איך באַטראַכט מיין לעבען,
וואו אַלץ איז חושך שוואַרץ.

איך פיהל זיך עלענד, איינזאַם,
מיך דריקט אַ שווער געפיהל,
די טעג און יאָהרען שווינדען.
איז דען דער טויט דאָס ציעל?

איז עס דער שוואַרצער קבר
וואָס נאָגט מיין האַרץ מיט שרעק?
מיין שוואַכע שיף פון לעבען
וואָס פיהרט מיך שנעל צום ברעג?

צום ברעג דעם אומבאַקאַנטען,
וואו שטילקייט אייביג רוהט,
אָהן זונען־שיין, אָהן בלומען,
אָהן האָפענונג, אָהן מוט.

נאָך וואָלט איך גערן ליידען,
איך זאָל נאָר זיכער זיין,
אַז אין דעם לאַנד, דעם שטילען,
וועט אויך דיין שמייכעל זיין.

דיין שמייכעל אנשטאַט בלומען,
דיין פּנים, ליכטיג שעהן,
דאָס ליכט פון זון פארבייטען,
דאָס קאָנסטו נאָר דו אליין.

פאַרגעס מיך

1

זאָג אויב דו וועסט זיך דערמאָהנען אָן מיר ?
זאָג מיר אויב דו וועסט געדענקען ?
ווען איך וועל ניט זיין דאָ, ניט זיין מעהר מיט דיר,
זאָג אויב דו וועסט נאָך מיר בענקען ?

2

מיין האַרץ טהוט מיר וועה, עס שטיקט מיך אַ טרעהר,
עס פאַרדריסט מיך, וואָס איך מוז אַוועק,
וואָס איך האָב גע׳חלום׳ט, וואָס איך האָב געפּלאַנט,
וועט קיינמאָל ניט קומען צום ברעג.

3

און אפשר איז בעסער, עס דאַרף אַזוי זיין,
אַ שטורמישער ים, וועט פאַרטראָגען מיך ווייט,
אין וועלטען פון פינסטערע שטילקייט און רוה,
וואו אַלעס שלאָפט אייביג, דאָס שטרעבען, די צייט.

4

נון, דו דאַרפסט גאָר ניט דענקען, אַז איך בין געוועזן!
פאַרגעס אַז איך האָב דיך געליעבט.
אַ חלום אַ זיסער וואָס פליהט שנעל אוועק
אַ בלום וואָס האָט ערגעץ געבליהט . . .

דער פריהלינג איז דאָ!

דער פריהלינג איז דאָ,
עס גרינט שוין דער וואַלד,
עס בליהען די בלומען,
דער זומער קומט באַלד.

דאָס טייכעלע שפּיעלעוודיג
לויפט דורך דעם טהאָל,
עס פליהען די פייגעלעך
אַרום אָהן אַ צאָהל.

אַ שמעטערלינג שפּיעלט זיך
מיט אַ בליהמעל ביים טייך,
אַ פויגעלע טרילערט
זאנפטיג און ווייך.

עס שוועבט די לבנה
פון שטערן באַגלייט,
און שטראַהלען פון זילבער
אויף אַלץ זי פאַרשפּרייט.

עס יובעלט דער פריהלינג,
ער רופט אַלץ און וועקט,
בלויז איך בין פאַרגעסען,
זיין יובלען מיך שרעקט.

פריהלינג

אַ פריהלינגס ווינטעלע,
אַ פריהלינגס פויגעלע,
אַ הימעל זילבער בלאָה,
אַ ווייכער גרינער פעלד,
מיט מוטה מיין ברוסט
פילט אָן
מיט נייע האָפנונג,
אָה, פריהלינג, געטליכער!
זיי דו מיר ווילקאָמען.

פריהלינגס שטימונג

איך הער די זאנפטע טריט פון פריהלינג,
איך זעה זיין אָנקומען פון ווייטען,
איך פיהל זיין דופט פון בלומען צאַרטע —
אַ ליעבען פריהלינגג, אַ באַנייטען.

אַט יעדעס קומען פון דעם פריהלינג,
וואָס קומט צו אונז, די אַלע יאָהרען,
מוז קומען ערגעץ פון די הימלען —
פון זונען גאָלדענע געבאָרען.

זיין צויבער-מאַכט וועקט אַלע וועלטען,
ברייננגט אויף דער ערד אַ נייעם לעבען,
מיט נייעם האָפען פילט אָן הערצער —
מיט פרישען מוטה אויף ווייטער שטרעבען.

אַ צאַרטער דרום-ווינט אַ שטילער
באַוועגט דאָרט לאַנגזאַם הויכע בוימער,
און פליסטערט סודות אומפאַרשטענדליך
צום נאַכטיגאַל, דעם ליעבען טרוימער.

עס פליהען פויגעל, עס זשומען ביהנען,
פון צווייג צו צווייג זיי פרעהליך שפּרינגען.
דער בוים אַ נעסט, איז שטאַרק פאַרנומען,
דאָ הערט זיך קלאַנגען, זיסעם זינגען.

נאָר איך אַליין געפין זיך עלענד,
דער פריהלינג וועקט מיך ניט צום לעבען,
און מיין נשמה אַ טיעפער בענקען —
איך בין שוין מיעד. צו וואָס דאָס שטרעבען?

דער גרוס

צווישען הויכע בערג לויפט אַ וואַסערעל,
און אַ גאַנצען טאָג טאַנצט עס לאַכענדיג.
אַט באַהאַלט עס זיך ערגעץ ווייט אַוועק
און אַט איז עס דאָ ווידער שטיפענדיג.

בוימער גרין און ווייך, בלעטער זיידענע,
לאַנגע שורות שטעהען שטיל פאַרטראַכט.
פאַר די אויגען זיי לויפט פאַרביי דער טייך
און אַ זונען־שטראַל ווינקט צו זיי און לאַכט.

און עס וואַקסען דאָרטען צאַרטע בלימעלאַך —
גרינע, געלע, בלויע, זילבערנע;
און זיי וויגען זיך און זיי סוד'ען זיך
וועגען שטערענדלאַך, שיינענד־גילדענע.

די לבנה דאָרט אין דער טיפער נאַכט
שטענדיג באָדט זיך דאָרט אין דעם כשוף־טייך,
און דער נאַכטיגאַל שטיל פאַרשלעפערט זי
מיט זיין זים געזאַנג האַרציג, ריהרענד ווייך.

פרעהלאַך לויפט און שפרינגט, שטענדיג טאַנצענדיג
אַט דאָס טייכעלע, לוסטיג מומלענדיג.
און זיין צויבער־שפראַך פאַרשטעהט קיינער ניט.
קיינער ווייס ניט וואו עס לויפט איילענדיג.

ניט דער גרינער בוים, ניט דער גראָער באַרג,
ניט דער נאַכטיגאַל, ניט די רויטע בלום
האָבען ווען געוואוסט, וואו עס געהט אַוועק,
וואו באַהאַלט עס זיך, וואו עס וואַנדערט אום.

פון אַ צויבער־באַרג לויפט אַראָפּ דער טייך,
פון אַ ווייטען וועג אַ גרוס ער טראָגט.
ער זאָגט אָן דער וועלט: — „דער פריהלינג קומט
און די זון געהט אויף, און עס טאָגט!"

איך ליעב דעם רעגען

עס פאַלט און פאַלט אַ רעגען,
אַ זילבערנער און ווייך;
פון טרויעריגע וואָלקענס,
פון ווייטען ווייטען הויך.

און וואַסערלעך זיך קלייבען
און טרינקען אָהן דעם פעלד,
עס וואַשען זיך די בלומען,
די ערד ווערט פריש באַזעעלט.

עס פאַלט און פאַלט דער רעגען,
אַ צאַרטער אַזוי שטיל;
באַלעבט דעם וואַלד און גלעט איהם,
מיט ליעבע און געפיהל.

און אָט די זון באַווייזט זיך,
דורך וואָלקענס שיינט און לאַכט;
און וואַרפט אַרונטער שטראַהלען
געוועבט פון גלאַנץ און פראַכט.

איך ליעב דעם ווייכען רעגען,
ווי גראַציעז ער פאַלט;
זיין כישוף׳דיגע שטילקייט,
זיין זילבערנעם געשטאַלט . . .

אַליין ביים ים

1

איך זיץ אַליין ביים ברעג פון ים,
אַ כישוף-שטילקייט הערשט אַרום;
איך קוק אַרויף, צום הימעל הויך,
וואו די לבנה שווימט דאָרט שטום.

2

איך זיץ און טראַכט אין חלום שטיל,
פון צוויבער-נעכט, פון יוגענד-טעג,
פון קינדער-יאָהרען אין וויטען ווייט,
פאַרלאָפען ערגיץ וואו אַ וועג!

3

איך הער זיך איין צום ים: ער רוישט
און וואַרפט די כוואַליעס הין און הער,
עס וויגט דער ווינד דעם גרויסען ים,
אַ שוואַרצער אומעט דריקט מיך שווער.

4

אָט נאָך אַ שעה אין נאָך אַ שעה,
און אַלעס שטיל וועט ווערען שטום,
אַ חשך וועט בעהאַלטען מיך,
בלויז נאַכט וועט הערשען אומעטום.

5

מיין האַרץ וועט מעהר ניט וועה טאָן מיר
און איך וועל רוהיג זיין און שטיל
פאַרשווינדען אין דער אייביגקייט —
דאָס איז דער וועג פון גאָט, זיין ציעל.

אַ הערבסט מאָטיוו

אַוועק נישט געזעהן איז דער זומער,
דאָס פעלד איז פאַר ווינטען איצט פריי,
עס שווייגען די זינגערס די פייגעל
און מענש דו, פון עלענטקייט שריי.

מיך פאַרדריסט נישט דער טויט פונ'ם זומער
און נישט די פאַרגאַנגענע טעג,
ווייל פאַלש איז געוועזען מיין האָפען,
מיין בּיינקען צום רוהיגען ברעג.

וואָס האָט מיר דער זומער געגעבען?
אַנטטוישונג, פאַרדרוס און נישט מעהר,
אין האַרץ מיר אַ פלאַם אָנגעצונדען
צו ברענען און בלייבען איצט לער.

מיך אַרט נישט וואָס אַלץ איז פאַרגאַנגען,
מיך אַרט נאָר דער עלענט וואָס קומט,
כ'האָב מורא פאַר צאָרן פון ווינטען,
פאַר אייגען געזאַנג וואָס פאַרשטומט.

דער נאַקעטער בוים

אין גאַנצען אַ נאַקעטער, עלענד, פאַרלאָזענער,
אַ פאַר'יתום'טער בוים, שטעהט און פריהרט,
איין בלעטעל אַ געלער, אָהן לעבען, פאַרטריקענטער,
דעם איינזאַמען בוים דאָרט באַציערט.

ערשט יעצט, גאָר ניט לאַנג, האָט דער בוים גאָר געבליהט,
מיט בלעטער פון סאַמעט בעהאַנגען,
מיט דעם ווארימען ווינטעל, פון פעלד, זיך געשפּיעלט,
פאַרוויגט, פון דעם נאַכטיגאלס קלאַנגען.

צעוויאַנעט די בלעטער, צעטראָגען פון ווינד,
דער נאַכטיגאַל, זינגט שוין ניט מעהר.
פאַרפראָרען, פאַרטריקענט, דער אָרימער בוים!
איך פיהל, אויף מיין פנים אַ טרעהר . . .

הערבסט מאָטיוו

דער הימעל איז פאַרוואָלקענט,
עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינד,
דער וואַלד געבליבען נאַקעט,
פאַר'יתום'ט ווי אַ קינד.

אַהן בלעטער איז דער בוים איצט,
די גרינע גראָז פאַרגעלט,
אַהן בלומען וויסט דער פעלד איז,
דער זונען־שיין פאַרשטעלט.

דער הערבסט איז אָנגעקומען,
דער ווינטער פאָלגט איהם נאָך,
עס טראָגט זיך אום אַן אומעט,
איך פיהל זיין שווערען יאָך.

אַ בענקשאַפט און אַ מורא,
מיט אנגסט פילט אָן מיין האַרץ,
דער ווינטער איז מיין שונא,
מיין קבר קאַלט און שוואַרץ.

איך האס דעם בייזען ווינטער,
און זיין צושטערונגס־מאַכט.
ער ברייננגט בלויז נויט און טרעהרען,
אַ לאַנגע שוואַרצע נאַכט.

דו וועסט פאַרגעסען מיך

אַט נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג,
דער זומער געהט אַוועק;
אין מיין האַרץ פאַרבלייבט בלויז נאָר,
אַן אומעט און אַ שרעק.

און באלד, עס קומט שוין ווידער אָן,
דער ווינטער און זיין קעלט,
מיט שנעע באַדעקט דעם גרינעם וואַלד
מיט אייז, דעם טייך פאַרשטעלט.

די בוימער ווערען אויסגעטהאָן,
דער וואַלד פאַר׳יתום׳ט בלייבט,
עס רייסט די בלעטער ווילד, דער ווינט,
מיט רוגזה, ברומט און שרייט.

אויף אַלץ דער ווינטער לעגט ארויף,
זיין קאַלטע האַנד פון טויט,
עס לאַכט ניט מעהר דער שנעלער טייך,
דער באַרג פאַראומערט שטעהט.

און אָט די בלום וואָס האָט געבליהט,
ניט וויט ביי יענעם פעלד,
ליגט שוין פאַרוועלקט יעצט און צודריקט,
פאַרגעסען פון דער וועלט.

און אָט אזוי, ועסטו אַמאָל —
אין יענע ווינטער טעג,
פאַרגעסען מיך אָן עלענדען,
אויף אַ וויסטען פרעמדען וועג . . .

ווינטער מאָטיוועז

ווי פוסט איז דער וואַלד,
אַלץ וויסט איז אַרום!
און עס בליהט דאָרט ניט מעהר,
ניט קיין בוים, ניט קיין בלום.

אָט ניט לאַנג האָט געלעבט,
אָט דער וואַלד און דאָס פעלד,
האָט געאָטעמט מיט קראַפט,
טויט איז יעצט אָט דער העלד.

דעם גערויש פון דעם טייך
הערט מען שוין דאָרט ניט מעהר,
דער טהאָל איז פאַר׳יתום׳ט
דער באַרג איז יעצט לעער.

וואו זיינען די פייגעל,
די ביהנען, דער קלאַנג?
פאַר וואָס איז יעצט שטום
אָט דער צויבער געזאַנג?

דער גרויזאַמער ווינטער,
געלייגט האָט זיין האַנד,
צושטערט אָהן רחמנות
דעם צויבער פון לאַנד.

אַט וועט באַלד דער ווינטער קומען

אַט וועט באַלד דער ווינטער קומען
און וועט טויטען אַלע בלומען.
אַ ווייסער שניי וועט אַלץ באַהאַלטען —
דאָס פעלד, דעם טאָל, דעם באַרג דעם אַלטען.

אַ שטורעם-ווינט וועט אַלץ צעשטערען,
די בוימער וועלען נאַקעט ווערען,
עס וועט דער וואַלד א יתום בלייבען,
דער בייזער ווינט וועט אַלץ צעטרייבען.

און דיקע וואָלקענס וועלען פליהען,
דעם בלויען הימעל שוואַרץ פאַרציהען,
אַ בלייכע זון און קאַלטע שטראַהלען —
עס וועט דאָס לעבען זיך צופאַלען.

און אין דעם וויסטעניש דעם קאַלטען
ווער דאַרף דען, ווער, אַ מענש אַן אַלטען?
אַן עלענדער, דעם קאָפּ געבויגען,
הויב איך צו דיר, מיין גאָט, די אויגען!

עס איז געווען

1

עס האָט געבליהט אַ בלום און איז פאַרוועלקט איצט,
עס האָט געשיינט די זון און איז פערגאַנגען,
דער וואַלד איז גרין געווען און איז געבליבען נאַקעט,
מיין חלום איז געשטאָרבען, איך האָב מעהר קיין פערלאַנגען.

2

איך האָב גע׳חלום׳ט פון ווייטע שעהנע וועלטען,
וואו עוויג איז דער טאָג, און עוויג זונען שיין.
אַ נאַכט אַ פינסטערע יעצט הערשט אין מיין נשמה
מיין האַרץ צוריסען ווערט פון אַנגסט און פיין.

3

און ווען די זון פאַרגעהט און פינסטער ווערט,
אַ בייזער שטורעם טראָגט זיך דורך דער נאַכט,
עס ווערט מיר אומעטיג, פערשווינדט דער שלאָף פון מיר,
איך הער זיך איין צום שטורעם, ווי טייפעליש ער לאַכט.

4

איך זיין אַן עלענדער, אין פינסטערניש פון נאַכט,
און וואַרט אויף דער מינוט, ווען איך ווער שנעל צודריקט
פון בייזען שטורעם, מיט הענט פון קאַלטען שטאָל,
איך פיהל זיין מאַכט, אַט באַלד איך ווער דערשטיקט!...

אין אַ קאַלטען טאָג

דער טאָג אַן אומעטיגער קאַלטער,
דער הימעל מיט וואָלקענס באַדעקט,
פון ים ערגעץ בלאָזט אַ שניידענדער ווינט,
אַ נאַכט קומט אַ שוואַרצע, וואָס שרעקט.

אַלץ פינסטערער ווערט און אַלץ שוואַרצער,
פאַרדעקט האָט דעם הימעל די נאַכט,
פאַרטריבען פון הימעל די שטערען,
אין אַ הייהל די לבנה פאַרמאַכט.

אַ טרויער באַפאַלט מיר אַ שווערער,
איך הער ווי דער ווינט וויינט און קלאָגט;
איך הער אין דער פינסטערער ווייטקייט,
ווי דער ברויזענדער ים, דעם ברעג שלאָגט.

און די כוואַליעס אַלץ העכער און העכער,
מיט רוגזה זיך שפּאַרען צום ברעג;
אָט דאַכט זיך אַז באַלד וועט פאַרשווינדען,
פאַרטרונקען וועט ווערען דער ברעג.

עס קלאַפּט שנעל מיין האַרץ און עס ציטערט,
איך וויל ערגעץ לויפען, נאָר וואו?
געפינען אַ ווינקעל אַ שטילען,
געפינען אַ ווינקעל פון רוה! . . .

וואָס וועט זיין?

„וואָס וועט זיין, פרעגסטו, וואָס וועט זיין,
ווען הארבסט וועט אַ קלאַפּ טאָן אין טיר
און וועט אָהן רחמנות און ווילד
צושטערען די וועלט אַרום מיר?

„וואָס וועט זיין, פרעגסטו, וואָס וועט זיין,
ווען דער ווינטער וועט קומען צו מיר
און מיט שניי באַדעקען מיין קאָפּ
און פאַרקיהלען די בלוטען אין מיר?

„וואָס וועט זיין ווען פון יוגענד דער פלאַם
ווערט ווערען פאַרלאָשען אין מיר?
פאַרטונקעלט פון מיינע אויגען דער שיין
וואָס וועט זיין, אָ, וואָס? זאָג דו מיר!

„פאַרצערען פון יוגענט דעם פלאַם
מיין נשמה צעוויטאָגט פון פיין,
פון מיינע אויגען פאַרלעשען דעם בליק" —
וואָס וועט זיין, זאָג, וואָס וועט זיין?

ווער האָט געזעהן?

1

ווער האָט געזעהן דעם פריהמאָרגען
ווען די גאָלדענע זון געהט אַרויס
ווי די שטראַהלען פון גאָלדענעם פייער
דאָס ליכט פון דעם טאָג שפרייטען אויס?

2

ווי דער הימעל מיט רויטען פערפלאַמט זיך,
מיט טויזענד קאָלירען באַדעקט,
אַזוי צערטליך, און שטיל ווי פאַר'חלומ'ט,
די שלאָפענדע ערד לאַנגזאַם וועקט.

3

ווער האָט געזעהן ווי עס דרימעלט
דער גרינער פאַר'כשופ'טער וואַלד
אַ הייליגע שטילקייט פאַרשפרייט ער
אַ הייליגע רוה, ער בעהאַלט?

4

אָט וואַקסען דאָ צווייַ צאַרטע בלומען,
פון אַ זילבערנעם טייכעל ניט ווייט ;
דערצעהלען אַ סוד פון די הימלען
ווער וויים דען, דער סוד וואָס בעדייט !

5

ווער האָט געהערט ווי אַ פּאַלמע
צום דרום ווינט עפּעס געזאָגט ?
טיעף צו דער ערד זיך געבויגען
זי האָט זיך אויף עפּעס געקלאָגט.

6

אין די טויזענדע-טויזענדע שטערען
איבער דעם הימעל פאַרשפּרייט,
ווער האָט געזעהן זייער שמייכעל ?
ווער האָט געזעהן זייער טויט ?

7

ווער האָט געזעהן ווי אַ ראָזע
אין זילבערנעם טוי זיך געבאָדען
ווי זומער-פייגלעך און בינען,
האָבען געטאַנצט קאראהאדען ?

8

ווער האָט געזעהן דעם פאַרשווינדען,
פון דאָס פייעריג גאָלדענעם ליכט ?
ווי ווייט, ערגעץ ווייט, אין די פעלדער,
אַ חשך פאַרדעקט זיין געזיכט.

איך קען ניט פרעהליך זיין

איך קען ניט פרעהליך זיין,
איך קען ניט לוסטיג ווערען,
מיט וועהטאָג אין מיין הארצען,
מיט אַ געמיטה אַ שווערען.

כ׳געה אַרום פאַר׳חלום׳ט
מיט פינסטערע געדאַנקען
וואָס פילען אָן מיט קומער
מיין אַלטען קאָפּ, דעם קראַנקען.

אַנטלויפען וואָלט איך וועלען,
ווייט ערגעץ הינטער ים׳ן,
זיך בעהאַלטען און פאַרשטעלען
מיט אייזען שטאַרקע צאַמען.

ניט צולאָזען די איינזאַמקייט,
דעם אומעט ווייט פאַרטרייבען;
ניט בענקען מעהר, ניט וויינען מעהר,
אויף אייביג דאָרט פאַרבלייבען.

אַלע שוויגען

דורך אַ וואָלקען אויפ׳ן הימעל
קוקענדיג האָב איך דערזעהן
אַ פּאַלאַץ פון גאָלד און פייער
איז אין הימעל דאָרט געוועהן.

אויף אַ טראָהן פון גאָלד און זילבער
איז געזעסען גאָט אַליין,
טרעהרען האָבען זיך געגאָסען
אויף זיין פנים ווייס און שעהן.

פיעל מלאכים מיט פליגלען ווייסע,
שטיל געשטאַנען אַרום איהם,
מיט דרך ארץ געוואַרט רוהיג,
באַלד וועט ריידען אלקים.

אָט אָט באַלד וועט זיך צוטראָגען
גאָט'ס שטימע איבעראל,
ציטערט, ציטערט, איהר רשעים!
איהר באַטריגער פון וועלט'ס כלל.

שטיל געשטאַנען די מלאכים,
און געוואַרט אויף גאָט'ס באַפעל,
אָט וועט קומען די נקמה,
קומען הילף וועט גלייך און שנעל.

און עס וואַרטען מענש און מלאך,
זעהן, זיין לייבען שטאַרקע מאַכט,
ווען, אָה! גאָט, וועסטו פאַרטרייבען
פון דער ערד די שוואַרצע נאַכט?

שטיל עס שווייגען די מלאכים,
און עס שווייגט אויך גאָט אַליין;
שוואַרצער ווערט די נאַכט און בייזער,
העכער טראָגט זיך דער געוויין.

צו מיין מוטער

אַט בין איך ווידער ווי אַמאָל, אַ אינגעל, אַ קינד,
דו זינגסט מיר לידער, פון וואַלד און פון ווינד,
מיט ליעבע דו גלעטסט מיר מיין קאָפּ מיט דיין האַנד,
און שטיל מיר שפּאַצירען אין פעלד זאלבאנאנד.

אָה, מאַמע! וואו ביזטו געווען גאָר די צייט?
וואו ביזטו אַוועק, אָהן מיר, אין דער וויט?
צי ווייסטו ווי שטאַרק מיין הארץ בענקט נאָך דיר,
צי ווייסטו ווי נויטיג דו ביזט היינט פאַר מיר!

איך בין נאָך אַ אינגעל, איך בין נאָך אַ קינד,
איך בענק נאָך די ליעדער פון וואַלד און פון ווינד;
מיין שמערץ קען פאַרלייכטערען נאָר דו אַליין,
נאָר דו בלויז קענסט שטילען מיין ביטער געוויין.

הערסט, מיין קינד!

הערסט, מיין קינד, עס וויינט דער ווינד,
דורך דעם וואַלד ער יאָגט.
אין דער שווארצקייט פון דער נאַכט,
הערסט, מיין קינד, ער קלאָגט!

האָט פאַרלאָרען וואָס דער ווינד?
זוכט ער וואָס אין פעלד?
טרויערט ער נאָך אימיצען, —
וויים ווער, וואָס איהם קוועלט?

הערסט, מיין קינד, מיין האַרץ עס וויינט.
און עס בענקט נאָך איהר.
דיינע וועט זי מעהר ניט זיין,
זאָגט דער ווינד צו מיר.

און עס וויינט מיין האַרץ אין מיר,
שטאַרקער קלאָגט דער ווינד.
אין דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט,
הער זיין זיפץ, מיין קינד.

אַ ליעד

וואָלקענס זילבערנע, וואָלקענס ווייסינקע,
שווימען פריי אין די הימלען הויך;
אָט זיי יאָגען זיך, און באַהעפטען זיך,
אָט פאַרשווינדען זיי ווי דער גראָהער רויך.

בלאָזען ווינטעלאך, צאַרטע, שטילינקע,
שפּיעלען, יאָגען זיך, אין דעם פרייען פעלד.
מיט די בוימעלאך שטיל זיי סוד'ען זיך,
פון אַ ווייטען לאַנד, פון אַ ווייטער וועלט.

עס איז מיר גוט, עס רוהט מיין האַרץ,
איך חלום שטיל, איך בענק ניט מעהר,
איך בליק אַרויף, צו די וואָלקענס הויך,
דעם סוד פאַרשטעהן, איז מיר ניט שווער.

וואו לויפסטו, צייט?

וואו לויפסטו צייט, וואו לויפסטו צייט?
און שלעפּסט מיך דורך דיין רוים;
דו יאָגסט און וואַרפסט מיך ווי עס וואַרפט
דער ווינט אַ בלאַט פון בוים.

עס אַרט דיך ניט מיין שמערץ, מיין פּיין,
דו הערסט ניט מיין געשריי;
מיין לייד און וועהטאָג ריהרט דיך ניט,
מיין וואונד טהוט דיר ניט וועה.

אָ, ברענג מיך, צייט, צום ענד פון ברעג!
אָ, הער מיך אויף צו פּלאָגען;
איך קען ניט לויפען מעהר נאָך דיר,
איך קאָן דיך ניט אניאָגען.

ביים שטילען ברעג אין שטילער נאַכט,
וואו רוהיג שלאָפט דער טויט;
פאַרגעסען ווערען פון דיר, צייט,
פאַרגעהן ווי אַלץ פאַרגעהט.

נאָד מיין טויט

1

ווען איך וועל אין קבר אין פינסטערען ליגען,
באַוואַקסען מיט גראָז און אפשר אַ בלום,
דעם הימעל דעם בלאָען, וועל איך שוין ניט זעהן מעהר,
אַן אייביגע שטילקייט וועט הערשען אַרום.

2

דאָך מיין גייסט יעדע נאַכט, פון הימעל דעם הויכען,
וועט קומען צופליהען אויף מיין קבר צו מיר,
דאַן וועל איך פון קבר, דעם ענגען אַרויסגעהן,
און מיין נשמה וועט זיך ווידער באַהעפטען מיט מיר.

3

אין אַזאַ שוואַרצע נאַכט, ווען אַלעס וועט שלאָפען,
זאָלסט דאַן צו מיר קומען, אויף מיין קבר אַליין;
און צוזאַמען מיט דיר אויף אַ וואָלקען פון זילבער,
וועל איך פליהען אַוועק, פון געפאַהר און געוויין.

4

צו די שטערען אין הימעל, וואָס געהיימניספאָל גלאַנצען,
צו דער זון וואָס באַרייזט, די ענדלאָזע וועלט,
אַהין וועל איך פליהען, וואו די שוואַרצע נאַכט קעניגט,
צום יונגען פריהמאָרגען, אין זיין כשוף געצעלט.

5

דאָרט זעהן ווי די זון עס וועבט איהרע שטראַהלען,
און הערען דאָרט הימלישע צויבער געזאַנג,
ווי עס ווערען די הערליכסטע בלומען געבאָרען,
און פיהלען פון לעבען דעם פאַרבאָרגענעם קלאַנג.

6

אַט אַזאַ שעהנעם חלום עס וועבט מיין פאַנטאַזיע,
דו ביזט מיין חלום, וואָס איז שטאַרקער פון טויט,
ווען איך וועל אין קבר אין פינסטערען ליגען,
דאָך קיינמאָל מיין גייסט וועט פון דיר זיין געשיידט.

אַ חלום

1

אין אַ טיעפען שלאָף איז מיין מוזע פאַרזונקען
אומזיסט איז מיין וועקען און רופען,
אין אַ פינסטערען ערגעץ, עס וואַנדערט מיין מוזע;
מיין האַרץ איז יעצט ליידיג, אָהן האָפען.

2

אָהן אַ צוועק, אָהן אַ ציעל, איך וואַנדער אַרום,
אָהן אַ חלום אין האַרץ, אָהן פאַרלאַנגען,
איך האָב עפּעס פאַרלאָרען, מיין נשמה איז פוסט,
בייזע גייסטער האָבען מיין מוזע געפאַנגען.

3

אַלע טעג זיינען כמורנע, מיט וואָלקענס פאַרשטעלט,
מיט חשך פאַרצויגען, די גאָלדענע זון.
און בייסענדע ווינטען, עס רייסען די וועלט,
און אומעטיג, ווער איך, דערשראָקען דערפון.

4

עס קומען אַן שווערע און איינזאַמע טעג—
אַ פּחד באַפאַלט מיר, איך פרעג וואָס וועט זיין?
אַ חלום, עס שעפּטשעט, אַ שטימע צו מיר!
אַ ביטערער חלום, פון שמערצליכען פיין.

דער פרעמדער

אַ גרויסע וועלט, פול גלאַנץ און פּראַכט,
מיט גליק און פרייד און שעהנקייט פיעל.
און איך בין אָרעם, עלענד דאָ,
איך וואַנדער אום אָהן צוועק, אָהן ציעל.

מיט בייזע בליקען, פרעמד און קאַלט,
מיט חשד קוקט אַלץ אויף מיר.
אַ שעהנע, גרויסע, ליעבע וועלט —
און האָט קיין פּלאַץ, קיין היים פאַר מיר.

פאַר מיר איז קליין די גרויסע וועלט,
מיט שטיינער איז פערשפּרייט דער וועג,
און וואַלד און פעלד מיט בלוט פערפּלייצט . . .
איך וואַנדער, וואַנדער אָהן אַ ברעג.

אָ גאָט! ווי לאַנג וועל איך נאָך זיין
אַ פרעמדער אין דער גרויסער וועלט?
וואו איז דאָס ווינקעל, וואו אויך איך
וועל קענען האָבען אַ געצעלט?

ערגיץ ווייט

ערגעץ ווייט דאָרט גלעקער קלינגען,
ערגעץ וואו דאָרט פויגלעך זינגען,
הויך אין הימעל שטערען גלאַנצען,
לבנה-שטראהלען פרעהליך טאַנצען.

ערגעץ ווייט אַ טייך פון זילבער,
ברענגט צוריק מיר יוגענד-בילדער:
כשוף נעכט, מיליאָנען שטערען,
שטילע סודות, ליעבעס טרעהרען.

רופט צו מיר אַ קול פון ווייטען,
און דערמאָנט מיר אַלטע צייטען.
רופט אַ שטעטעלע אַ שטילע
און דערצעהלט מיר זאכען פיעלע.

בילדער שעהנע, ליעבע פליהען,
וועבען רייכע פאנטאזיען,
קינדער טעג און אַלטע יאָהרען
ווי אַ שטורעם-ווינד פאַרלאָרען.

נאָר חלומות בלויז געבליבען,
האָפנונגען, טויטע ליגען,
ניין, ניטאָ אויף וואָס צו וואַרטען
פון דעם לעבען דעם גענאַרטען.

פאַרגעסענע קלאַנגען

אַמאָל הער איך קלאַנגען, קלאַנגען פאַרגעסענע
וואָס קומען פון וויים, ערגעץ וויים;
זיי דערמאָהנען מיר עפּעס אָהן טעג לאַנג פערגאַנגענע,
אן אַ ברויזענד-פאַרגעסענע צייט.

איך הער אַמאָל שטימען, לאַנג, לאַנג פאַרגעסענע,
איך האָב זיי אַמאָל וואו געהערט,
זיי רופען מיך, ציהען מיך צוריק צו דעם ערגעץ-וואו
וואָס איז שוין פון אַלטקייט צושטערט.

איך טראַכט, איך וואונדער זיך, פון וואַנען עס קומען,
די שטימען און קלאַנגען צו מיר?!
איך הער זיך צום ים, צו די רוישענדע כוואַליעס,
צום שטורעם, צום צאַרטען זעפיר.

איך הער זיך שטיל איין צו דעם לויפענדען טייכעל,
צום שוואַרצען און מורמלענדען וואַלד,
פיעלייכט וועל איך דאָרטען דערקענען די שטימען,
ווער רופט מיך? אָט דערקען איך זיי באַלד.

איך פאָלג נאָך די שטימען, פון כשוף די קלאַנגען,
און זיי קלינגט דאָס הימלישע ליעד,
עס ציטערט מיין האַרץ, שנעלער לויפען די בלוטען,
אך, ווי שווער עס איז מיר, איך בין מיעד!

געהיימניספאָלע קלאַנגען, פאַרגעסענע שטימען,
דאָס זיינען פון פריהלינג די טעג...
מיין וואַרעמער פריהלינג, ווינקט מיר צו און שמייכעלט,
צו וויים בין איך יעצט שוין פון ברעג...

גיסט זיך, טרעהרען מיינע!

גיסט זיך טרעהרען מיינע, הייסע, גליהענדע,
גלייך צו מיר אין הארץ אריין, וואו עס ברויזט א פלאם,
און דערטרינקט אין איהם די גהינם-וועהטאגען,
מיין נשמה שמערץ, וואס ברענט ווי סם.

הויב זיך אויף, דו ים, פון די ברעגעס הויך,
דיינע כוואליעס אויף דער ערד צושפרייט,
זאל דערטרונקען ווערען, און צושטערט די נאכט,
און זאל טאנצען דארט דער שווארצער טויט . . .

דער מארגען שטערען

עס איז גאנץ פריה פאר טאג, און טונקעל איז אין גאס,
די זון שלאפט נאך אין איהר הימלישען רייך,
צום שעהנעם מארגען שטערען קוק איך שטיל ארויף
ווי פריי ער הערשט, מאיעסטעטיש, אין זיין וויטען הויך.

און דאך, וואס קען איך וויסען, איך שטערבליכער!
פיעלייכט איז ער אומגליקליך ווי איך.
פיעלייכט, צו פרייהייט שטרעבט ער, און צו גליק,
מעגליך אז ער טראגט זיין צער און אומעט אין זיך . . .

ווער ווייס? פיעלייכט איז איינזאם ער, און פארבענקט,
פיעלייכט, צו פרייהייט שטרעבט ער, און צו גליק,
ווער ווייס, וואס פאר א כח האלט איהם צוגעשמידט,
כ'האב, דאכט זיך, באמערקט א טרויער אין זיין בליק!...

אַלץ איז אַזוי געהיימניספאָל, אומפארשטענדליך,
דער מאָרגען שטערען, דאָרטען אין דער הויך,
צי פריי איז ער, און גליקליך, ווייס דען ווער?
אַלץ געהט פאַרביי, אַלץ געהט אַוועק ווי רויך.

ווי קאָן איך דען זינגען?

זאָל איך זינגען דיר פון ליבע,
זאָל איך זינגען דיר פון האַס?
זאָל איך אפשר דיר דערצעהלען
וועגען טרעהרן אויף דער גאַס?

זאָל איך פיהרן דיך דורך רייהען,
פאַרביי מענשען מיד און בלאַס?
ווילסטו זעהן וואו עס געוועלטיגט
נויט און שנאה, ווילדער כעס?

שוואַכע קינדער, ניט דערעסען,
אין אַ צימער, פינסטער קאַלט,
און די לופט, עס שטיקט צום שטאַרבען,
אַלץ צעפוילט איז, אַלץ צעפאַלט!

מיט צעבראָכענע געמיטער,
מענשען האָפענונגסלאָז געוואָרן,
פון די אומשטענדען צעדריקטע,
אין דעם לעבען אַלץ פארלאָרן.

און מיין האַרץ פון טיפע ליידען,
ווערט צוריסען, שרייט פון וויי!
ווי קאָן איך פון ליבע זינגען
אין אַ וועלט פון אַנגסט-געשריי?

איך וועל וויינען, איך וועל שרייען,
איך וועל אויפוועקען די וועלט;
שוואַרצע כחות, בייזע גייסטער
האָבען גאָר די זון פאַרשטעלט!

פונוואַנען? וואוהין?

אַ שניי-ווייסער וואָלקען
זיך שוועבט אין דער הויך—
אָט ווערט ער פאַרשוואונדען,
צעגאַנגען ווי רויך.

אָט ערשט האָט אַ מענש דאָ
געלעבט און געטראַכט —
און פּלוצים פאַרשוואונדען,
אַוועק אין דער נאַכט . . .

ווען איך, ווי אַ וואָלקען
פון זילבער געוועבט,
אין הימעלשער הויכקייט
וואָלט פריי זיך געשוועבט —

צום גאָט פון די וועלטען
וואָלט איך זיך געקערט,
ער זאָל מיר פאַרטרויען
דעם סוד — וואָס עס ווערט

פון וואָלקען, פון מענשען —
פונוואַנען? וואוהין?
זיי קומען, פאַרשווינדען —
און וואָס איז דער זין? . . .

אַנטוישונג

עס שווימען אַזוי זיך די יאָרען,
עס לויפען די טעג און די וואָכען;
אָט ערשט, דאַכט זיך, האָט מען גע׳חלום׳ט
און אָט ליגט דאָס לעבען צעבראָכען.

וואָס דאַרף מען דערוואַרטען פון לעבען?
וואו קען מען דען פרייד געפינען?
דאָס האָפען, דאָס וואַרטען, די צוקונפט—
ווי וואַסער זיי ווערען צערינען.

אַלץ, וואָס אונז בלייבט—איז אַנטוישונג,
אַן אומעט וואָס נאָגט בלויז אין האַרץ;
דער היינט גיט אונז גאָרניט, נאָר זאָרגען,
דער מאָרגען געהילט איז אין שוואַרץ . . .

אַ שטערענדעל אַ גאָלדענער

אַ שטערענדעל אַ גאָלדענער ,
אין די הימלען הויך,
אַ לייכטענדער, אַ שיינענדער,
אַ צאַרטער אַזוי ווייך.

עס שפּיעלט זיך גאָלדען שטערענדעל,
מיט אַ לבנה שטראַהל,
ער וויגט זיך לייכט און שטיפעריש,
ער באָדט זיך אין איהר קוואַל.

נאָר פּלוצים האָט אַ שטראַהל געטאָן!
אַ פּאַס פון ליכט גאַנץ ווייט,
דער הימעל האָט געעפענט זיך,
דער מאָרגען קומט באַנייט.

דער גאָט פון ליכט דער מעכטיגער,
קומט פון זיין שלאָף אַרויס,
און פיהרט מיט זיך אַ נייעם טאָג,
זיין גלאַנץ איז בלענדענד גרויס.

זיין ליכט פאַרשטעלט דעם שטערענדעל,
דעם לבנה שטראַהל בעהאַלט,
עס לייכט ניט מעהר דער שטערענדעל,
ער שטיפט ניט מעהר און שטראַהלט.

ביינאַכט אַליין

מיט אַ האַרץ פול מיט פּיין
אין דער שוואַרצקייט פון נאַכט,
זיץ איך איינזאַם אַליין,
זיץ איך שטיל און פאַרטראַכט.

מיין פאַנטאַזיע פליהט
איבער פעלד, איבער ים,
אין דער פרעמד ערגעץ ווייט,
אין אַ וועלט פול מיט סם.

אין אַ וועלט פול מיט בלוט
פול מיט שמערצען און נויט,
און מיט טרעהרען פאַרפּלייצט
און בעהערשט פון דעם טויט.

אין איין אַלט שטיבעל דאָרט
זיצט אַ מאַמע און קלאָגט,
טרעהרען הייסע זי גיסט,
פאַר איהר קינד וואָס מען יאָגט.

קינדער אָרים און בלאַס,
זעה איך עלענד אַליין,
און דער טאַטע איז ווייט,
קאַלט אין שטוב ווי אַ שטיין.

ערגעץ ווייט אויף אַ פעלד
וואו ער קעמפפט שוין ניט מעהר,
מיט נאָך טויזענד אַרום,
טויט געפאַלען איז ער.

פייער, פלאַם, שוואַרצער רויך,
האָט די זון־ליכט פערשטעלט,
זיפצען, טרעהרען און שמערץ
דאָרט פערטרינקען די וועלט.

אין דער טיעפקייט פון נאַכט,
ווען אַלץ שלאָפט און אַלץ רוהט,
זעה איך פליסען אַרום
טייכען טרעהרען און בלוט.

אַ פייגעלע

שנייעלאך זילבערנע
פון הימעל פאַלען פיעל,
באַדעקען זאנפט די מוטער־ערד
מיט ליעבע, צאַרט און שטיל.

הויך אויף אַ בוים אַ פייגעלע
דאָרט ציטערט שטאַרק פון קעלט,
אַן עלענדע, פאַרלאָזענע,
אין דער קאַלטער וועלט.

עס זיצט און בענקט ס'פייגעלע
נאָך דעם פריהלינג ליעב און שעהן,
נאָך זון־שטראַהלען די גאָלדענע
אַ הימעל בלוי און ריין.

עס חלום'ט אָרים פייגעלע
פון זומער'ס שעהנע טעג,
די זילבער ווייסע שנעעלאך
זיי פאַלען אָהן א ברעג.

שטיל שלאָפט דאָס אָרים פייגעלע,
פאַרדעקט מיט ווייסען שנעע,
זי בענקט ניט מעהר, און חלום'ט ניט,
עס טהוט איהר מעהר ניט וועה! . . .

וועלט־פרעמד

שנעלער, שנעלער לויפט סעקונדען,
פארט געהט שנעל, איהר שווארצע טעג!
מעהר וויל איך פון אייך ניט דולדען,
רוהע וויל איך! פאָרט! אַוועק!

צו פיעל אונגליק, צו פיעל שמערצען,
פול מיט ליידען איז דאָס לעבען,
צו פיעל וואונדען אין מיין הערצען!——
ניין, איך וויל נישט וייטער שטרעבען!

כ'וויל אַהין, וואו ס'גיבט קיין ליידען,
וואו קיין פריידען גיבט ניט מעהר,
ניט קיין קאַמפף און ניט קיין שטרעבען,
ניט קיין זיפץ און ניט קיין טרעהר!

וואו עס גיבט ניט קיין פערלאַנגען,
וואו מען פיהלט ניט מעהר קיין שמערץ;
און דעם נאַכטיגאַלס געזאַנגען
מעהר ערקוויקען ניט דאָס הערץ.

טראָגט זיך, ווינטעלאך!

טראָגט זיך, ווינטעלאך,
זומער ווינטעלאַך,
זאָרגלאָז פרעהליכע
אין דעם ווייטען פעלד.

טראָגט זיך, ווינטעלאך,
איבער ים און טהאָל,
הינטער הויכע בערג
אין אַ ווייטען לאַנד.

ברענגט איהר, ווינטעלאך,
אַ גערוס פון מיר,
דאָרט אין יענעם לאַנד
וואו זי וואַרט אויף מיר.

זאָגט איהר, ווינטעלאך,
ווי איך בענק נאָך איהר,
ווי איך טרויער דאָ
ווייט אַוועק פון איהר,

ווי איך חלום דאָ,
ווי איך האָף און וואַרט,
אויב ווען, נאָך אַמאָל,
וועט זי מיינע זיין.

און עס טראָגען זיך,
און עס יאָגען זיך,
אין דעם וויטען פעלד
זומער-ווינטעלאך.
זיי באַמערקען ניט,
און זיי הערען ניט,
ווי איך לייד און רוף,
ווי איך טרויער דאָ.

פרייע ווינטעלאך,
פרעהליך-לאַכענדע,
פליהען, טראָגען זיך
צו די הימלען הויך.

טראָגט אַוועק מיין זיפץ,
ברייננגט איהר צו אַ טרעהר,
זאָגט איהר, אַז איך בין
עלענד און אַליין.

איך קאָן דיך ניט באַרוהיגען

1

איך קען דיך ניט באַרוהיגען, מיין האַרץ!
עס ציט דיך ערגעץ־וואו.
איך קאָן דיך ניט איינצאַמען, ניט איינשטילען,
דו רויבסט אַוועק מיין רו.

2

וואָס זוכסטו אויף דער וועלט און בענקסט נאָך וואָס?
עס הערט דיך קיינער ניט;
דו רופסט צום הימעל, דו רופסט צו גאָט,
דו קריגסט קיין ענטפער ניט.

3

הער־אויף צו שטורמען, גענוג געזוכט,
צו רוהען איז איצט צייט.
גענוג צו בענקען און צו חלום'ען,
דער ברעג איז שוין ניט וויים.

4

לאָז מיך צורו, מיין האַרץ, איך בין צו מיד!
מיין טאָג איז שוין אַוועק,
אין מיין געצעלט רעגירט די שוואַרצע נאַכט,
מיך דריקט אַ בייזער שרעק . . .

איך זוך דיך

איך זוך דיך אין די הימלען,
אין ים, אין פעלד, אין וואלד,
איך פרעג ביי דער לבנה
אויב זי דיך וואו בעהאַלט?

איך פרעג זיך אָן ביים שטילען
ביים שווייגענדיגען באַרג —
האָסטו געזעהן מיין מאמען?
איך בענק נאָך איהר גאָר שטאַרק!

איך וויל אַמאָל נאָך הערען,
איהר שטימע זאנפט און שטיל,
איך וויל איהר האַנד זאָל צערטלען,
מיין האַרץ מיט וואונדען פיעל.

איך וויל זי זאָל מיר זינגען
אַ קינדערש וויגען-ליעד —
מיך נאָך אַמאָל פארוויגען,
ווייל איך בין אַזוי מיעד!

עס ענטפערט מיר ניט קיינער,
עס שווייגט די קאַלטע וועלט.
איך זוך מיין ליעבע מאַמע,
די נאַכט האָט זי פאַרשטעלט.

וואָס איז דער אונטערשיד ?

וואָס איז דער אונטערשיד ?
אַ טאָג אָדער שעה,
די צייט שנעל פאַרשווינדעט
געווען און ניטאָ.

איך פליה מיט דער צייט
אַלץ פליהט ווי אַ ווינד,
אָט דאַכט זיך ניט לאַנג,
איך בין נאָך אַ קינד.

אַ ליכטיגער זומער,
געבליהט און געהאָפט,
געוועקט און גערופען...
אַלץ שטיל יעצט, אַלץ שלאָפט.

בייז איז דער ווינטער,
און ביטער די קעלט,
אַ פינסטערער וואָלקען,
דעם הימעל פאַרשטעלט.

וואָס איז דער אונטערשיד ?
אַ טאָג אָדער שעה,
די פריידען, די ליידען,
געווען און ניטאָ...

אַ שטערענדעל לייכט זיך

1

ווייט אויף דעם הימעל אַ שטערענדל לייכט זיך,
אַ שטערן אַ גאָלדענער גלאַנצט,
אַ שטערן אַ ליכטיגער, שיינענדיג וויגט זיך
מיט דער בלייכער לבנה ער טאַנצט.

2

לאַנג צוריק, ווען איך בין אַ קינד נאָך געווען
האָט מיין מאַמע אַ ליעד מיר געזונגען,
"פאַרגעס ניט מיין קינד ווען איך וועל דאָ ניט זיין!"
האָט מיט טרערען איהר שטימע געקלונגען.

3

„זאָלסט אַרויסגעהן אין פעלד, אין דער טיפקייט פון נאַכט,
וועסט מיך זעהן אין דער הויך מיט די שטערן,
איך וועל לייכטען און פינקלען און שיינען פאַר דיר,
דיינע תפלות און זיפצען דערהערען."

4

יעדע נאַכט, ווען עס רוהט אַלץ און שלאָפט
אין דער הויך דאָרט איך זעה איהר געשטאַלט,
איהר לייכטענדען בליק, איך דערקען,
און אַ שטראַהל פון איהר ליכט אויף מיר פאַלט...

דער רעגען

עס קלאַפּט אין מיין פענסטער אַ רעגען,
דער הימעל מיט וואָלקענס פאַרשטעלט,
עס איז נאַס, און אַ ווינט בלאָזט אַ שטאַרקער,
איך ציטער פון בייסענדען קעלט.

אַ שמערצליכער אומעט פאַרכאַפּט מיך,
אַ טיעפער פאַרדרוס, דריקט מיין האַרץ,
דער רעגען, ער קלאַפּט אָהן אַן אויפהער,
דער הימעל איז פינסטער און שוואַרץ.

איך קוק אויף דער גאַס דורך מיין פענסטער,
דער רעגען, אָהן אויפהער ער פאַלט.
דער ווינט בלאָזט אַלץ שטאַרקער און בייזער,
אַ ביטערער אנגסט מיך בעפאַלט.

עס יאָמערט דער ווינט און דער רעגען,
מיין האַרץ וויינט און ציטערט אין מיר.
נאָך וועמען דער יאָמער, די טרעהרען?
איך הער אַ שטיל מורמלען: נאָך דיר!

אין פעלד

אַ קלאָהרער אונענדליכער הימעל,
בלוי ווי דאָס וואַסער אין ים,
באַשפּריצט און באַשפּרינקעלט מיט וואָלקענס
געפלאָכטען פון זוניגען פלאַם.

מיט רייזיגע מעכטיגע בוימער
וואָס שטעהען אין רייהען געשלאָסען,
און וויגען זיך שטיל און פאַר׳חלום׳ט,
מיט טויאיגען זילבער באַגאָסען.

מיט שפּרינגענדע זשומענדע ביהנען
מיט בלומען פון טויזענד קאָלירען,
זיינען פאַרטרונקען די פעלדער
מיט שעהנקייט די ערד צו באַצירען.

און ביינאַכט ס׳איז אַ הייליגע שטילקייט,
מיט שטערען דער הימעל בעהאַנגען,
מיליאָנען, ווי ליכטלעך זיי ברענען
און מיין האַרץ זיי נעמען געפאַנגען.

וואָס זוכט מיין האַרץ?

וואָס זוכט מיין האַרץ, וואָס בענקט מיין האַרץ,
וואָס וויינט מיין האַרץ און קלאָגט?
וואָס טרויער איך, וואָס חלום איך?
אַ טיעפער שמערץ מיך פּלאָגט.

מיין דמיון פליהט אין הימעל הויך,
צו אַ צויבער לאַנד, אַ צויבער פעלד.
איך יאָג זיך נאָך דעם ווינד אין וואַלד,
איך וויל געפינען זיין געצעלט.

איך וויל ענטדעקען וואו עס וואוינט,
די קעניגין פון גליק און פרייד.
איהר אָפּגעבען מיין קראַנקע האַרץ,
פערהיילען זאָל זי מיר מיין לייד.

איך וועל אַוועק צום בארג, צום ים,
צום ווייטסטען-ווייטסטען ברעג.
און זוכען דאָרטען, אין דעם לאַנד
צו פרייד און גליק דעם וועג.

איך ווייס ניט

איך ווייס ניט וואו עס ציהט מיך,
איך ווייס ניט וואָס איך וויל;
נאָך וואָס, נאָך וועמען, בענק איך —
וואו איז מיין וועג, מיין ציעל . . .

אָט בענק איך נאָך דעם זומער,
נאָך בלומען און געזאַנג;
איך בענק נאָך גרינע פעלדער,
איז דאָס דען מיין פאַרלאַנג?

דער זומער איז געקומען
אַ פרעמדער, פרעמד צו מיר;
עס פרעהט מיך ניט און צערטעלט ניט —
דער פרעהליכער זעפיר.

דער ענדלאָז בלאָהער הימעל,
דער סודות׳דיגער ים;
זיי וועקען קיין פארלאַנגען,
און רעגען ניט דעם פלאַם.

איך וואנדער אום אַ שטילער,
איך קוק זיך ניט אַרום.
דער שטיפערישער טייכעל —
ער לויפט פאַרביי מיר, שטום.

דעם נאַכטיגאַל׳ס מעלאָדיע,
פרעמד קלינגט מיר זיין מוזיק;
מיין האַרץ רעגט זיך ניט אויף מעהר,
איך זוך ניט מעהר קיין גליק . . .

אונטער אַ פאַלמען בוים

איך ליג אונטער אַ פאַלמען בוים
וואָס וואַקסט פון ים ניט ווייט,
איך קוק אַרויף צום וייטען הויך,
און זוך דאָרט דעם בעדייט.

פאַרוואָס איז אַלעס אַנדערש יעצט?
דוכט זיך עס מיר אַזוי?
דער הימעל איז איין אַנדערער,
אַלעס פרעמד איז וואו איך געה.

עס טראָגט מיין דמיון מיך אַרום,
אין ברייטען פעלד, אין גאַס.
איך זוך דאָרט עפּעס פון אַמאָל,
אַלץ קוקט אויס קרענקליך, בלאַס.

דער גרינער וואַלד איז אומעטיג,
די גראָז פאַרדאַרט און געל.
עס זשומעט ניט די קליינע ביהן,
עס שיינט די זון ניט העל.

ניטאָ דער ברען, ניטאָ דער גייסט,
אַלץ וואָכעדיג און פּראָסט,
קיין זאַך איז מעהר אינטערעסאַנט,
אין האַרצען איז אַ פראָסט.

אונטער אַ פּאַלמען בוים איך ליג,
דער ים שלאָגט בייז דעם ברעג.
קיין זאַך אינטערעסירט מיר ניט,
באַלד ענדיגט זיך מיין וועג.

צו דער מאַמען

אָט ביסטו געוועזן דאָ מיט מיר,
אָט האָסטו גערעדט און געלאַכט
און איצט ביסטו מעהר שוין נישטאָ,
פאַרשוואונדען אין חושך פון נאַכט.

און ס׳דאַכט זיך, אַז אָט וועל איך באַלד
דיך זעהן ווי דו קומסט שטיל אַריין,
אַ מאַמע, ווי דו ביסט געווען,
אַ קינד וועל איך ווידער דיר זיין.

וועסט רעדען צו מיר שטילע רייד
און גלעטען מיין קאָפּ מיט דיין האַנט,
וועסט זאָגען: אַ קינד זיי אַ גוטס,
נישט ברייננ אויף דער מאַמען קיין שאַנד.

און איך, אַ דערוואַקסענער מענש,
וועל רוהען ביי דיר ווי אַ קינד,
אַ טאַטע בין איך שוין אַליין,
אַ קינד בין איך ווידער אַצינד.

נאָר ווען, דאָס איז נישט די וואָר,
איך רוף דיך, מיין מאַמע, אומזיסט,
איז וואָס קען איך זאָגען דען מעהר
ווי: רוהען זאָלסטו וואו די ביסט?

ווער ווייס וואו ער געהט?

דער הימעל פאַרוואָלקענט,
אין גאַס איז אַ קעלט,
פאַרלאָזען דער וואַלד איז
די זון איז פאַרשטעלט.

אַוועק איז דער זומער,
ווער ווייס וואו ער געהט,
אַן אומעט פאַרבלייבט דאָ,
אַ חשך פאַרשפּרייט!

שטאַרבט עס דער זומער,
אָדער שלאָפט ער בלויז איין?
די בוימער, די בלומען,
וואָס וועט פון זיי זיין?

און שנעל עס פאַרשווינדען,
די זומערס, די טעג,
זיי שלאָפען, זיי שטאַרבען,
פאַרלאָרען, אַוועק.

איך וואָלט אַזוי וועלען,
אין שלאָף זיך פאַרוויגען,
און הערען אין חלום,
פון שירה דעם ניגון!

פאַרשלאָפען דעם ווינטער,
די שטורעמס און קעלט,
זיך אויפכאַפּען פריש,
אין אַ זוניגער וועלט!

שלאָף מיין ליעבסטע

(געווידמעט צום אנדענק פון
מיין ערשט־פאַרשטאָרבענער שוועסטער בעללאַ)

שלאָף מיין ליעבסטע, מיין געטרייע,
דיין שלאָף וועט אייביג זיין,
גאָט פאַרהיילט האָט דיינע וואונדען,
פאַרהיילט דיין הערצענס פיין.

אונגליק איז געוועזן דיין לעבען,
טאָג נאָך טאָג געליטען נויט,
אין טרעהרען האָסטו זיך געבאָדען,
פאַרשטומט האָט אַלעס איצט דער טויט.

פאַר גאָט'ס טראָהן שטעהט איצט דיין נשמה
קלאָר ווי דער מאָרגען טהוי;
מלאכים וועלען דיך איצט שיצען,
וועסט נישט פיהלען מעהר קיין וויי . . .

און ווי אַ שטערען וועסטו לייכטען,
דאָרט אין הימעל ווייט . . .
מיין מיעדען לעבען גרינגער מאַכען
ביז צו דעם סוף פון צייט . . .